# יחודך

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת יתרו תשפ"ד / גליון ע"ד


### הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (בראשית)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | והנה כבר מבואר למעלה |
| שני | ומודעת זאת |
| שלישי | ושאלו עוד אסתר |
| רביעי | בראשית ברא |
| חמישי | ובכל עובדות שלנו עד ד"ה אף שהאלף |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624


0722 531 385

מערכת "קול דודי"

א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן

אין אמעריקע
605.313.6695

אין אירופה
033.0551.7811

ספעציעל! יעדן מיטוואך א שמועס איבער
עבודת התפילה
מיט הרה"ח דוד ארי' ראזנבערג שליט"א
אויף "היכל המרכזי" אין נומער 9


## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# א צייט צו פארברענגען

## שבת קודש איז נישט קיין 'ארבעטס טאג' - אויך נישט ברוחניות! שבת איז א זמן פון 'לעבן מיטן אויבערשטן'!

ווען דער פארפאלק איז אנגעקומען צום מומחה, איז שוין דער מצב געווען זייער פארוויטאגט, זיי זענען שוין געשטאנען ממש ביים שוועל פון די צוועלף שורות...

וואס איז דער געפעכט צווישן זיי? זיי אליינס ווייסן אויך נישט!... יעדער איינער פון זיי פרובירט אזוי שטארק צופרידנצושטעלן דעם צווייטן, מען שטרענגט זיך אן פאר יענעם מיט אלע כוחות. נו, פארוואס ווערט דער קשר אזוי שטומפיג? 'ער' לייגט צו נאך שעות פון ארבעט - בלויז כדי איר צו קענען קויפן שיינע און טייערע מתנות, און 'זי' מוטשעט זיך אזויפיל צייט - בלויז כדי אנצוגרייטן א הערליכן נאכטמאל פאר אים יעדע נאכט. יעדער איינער ארבעט זיך איבער, אבער פאקטיש העלפט דאס גארנישט! קיין קשר איז נישטא צום געפונען, און די אָנגעגעסנקייט צווישן זיי וואקסט ווי אויף הייוון. וויאזוי קען דאס זיין?! ביי אנדערע פארפעלקער, איז דער כלל, אז מיט יעדע מתנה און מיט יעדע געטריישאפט - ווערט דער קשר אלץ שטארקער און שטארקער. אבער ביי זיי רירט זיך גארנישט.

טאקע א פלא. אבער בלויז ביז... זיי זענען אנגעקומען צום גרויסן מומחה. ווייל דער מומחה האט באלד פארשטאנען די נושא - אסאך שנעלער ווי זיי האבן געמיינט.

"קוקט אהער", הייבט ער אן, "עס איז פארהאן אזא מין באגריף אין דאס לעבן פון א פארפאלק, וואס מען נעמט זיך אראפ א צייט, וואס דעמאלט שטרענגט מען זיך נישט אן, מען טוט גארנישט יעצט, מען רעדט נישט איבער פירן די שטוב און איבער מחנך זיין די קינדער, נאר מען זיצט פשוט מיט א געשמאק, מען שמועסט נאר מיטן ציל צו פארברענגען אינאיינעם". "זאגט מיר", ווענדט ער זיך צו זיי, "ביי אייך אין שטוב, איז פארהאן אזא מין באגריף?".

אנשטאט ענטפערן 'יא' אדער 'ניין', האבן זיי אויסגעשאסן מיט גרויס וואונדער: "וואס? סתם אזוי פארברענגען צייט? פארוואס און פארווען? וואס איז דער פשט פון דעם? וואס רעדט איר דא?".

"איר דארפט נישט פארשטיין קיין פשט!" זאגט זיי דער מומחה, "איך בעט אייך נאר איין זאך: יעדן טאג זאלט עטץ אראפנעמען אביסל צייט צו זיצן אינאיינעם און פארברענגען געשמאק! מאכט זיכער נישט צו ערלעדיגן דעמאלטס גארנישט, זיך נישט אנצושטרענגען איינער פארן אנדערן און נישט צו טון קיין שום טובה פארן צווייטן... בלויז לעבן צוזאמען".

מיט א וואונדער ווילן זיי מאכן זיכער אז זיי האבן גוט פארשטאנען: "עס איז פארהאן האפענונג אז אזא מין מאדנע געפירעכטס וועט ברענגען קשר צווישן אונז? דאס איז דאך בכלל נישט שווער? עס ברענגט דאך נישט ארויס קיין שום געטריישאפט?".

"יא! איר האט גוט פארשטאנען! טוט וואס עטץ האט צו טון!", און מיט דעם האט זיי דער מומחה געזעגנט.

עס איז איבריג צו זאגן, אז דער מופת האט געארבעט... דאס וואס יארן מתנות און נאכטמאל האט נישט געטון, האבן די עטליכע מינוטן א טאג באוויזן! זיי האבן זיך גאנץ שנעל אויסגעלערנט צו 'לעבן אינאיינעם', און עס האט זיך זיי געעפנט א וועלט פון 'אהבה אחוה שלום וריעות'.

היינט, ווען איינער גיבט א מתנה פארן צווייטן, איז עס שוין טאקע גורם א שטארקערע אהבה און קשר - קומענדיג אויף א פונדאמענט פון קשר.

> **דוקא די שעות פון 'יחוד' און 'שמחה' מיטן אויבערשטן - וואס מען לעבט אום שבת, אט דאס גיבט אריין אין דער 'ערלעדיגן' און זיך 'אנשטרענגען' - פון א גאנצע וואך**

## קבלת התורה - באקומען דעם אויבערשטנ'ס אור

דער 'בית אהרן' אויף דער וואכנדיגער סדרה, לערנט אונז אויס וואס עס מיינט 'שבת קודש', און פארוואס דאס פארנעמט אזא גרויסן פלאץ אין אידישקייט בכלליות, און אינעם קשר צווישן א איד מיטן אויבערשטן בפרטיות - אזוי ווייט, אז אן היטן שבת, וועט אלע זיינע תורה און מצוות וואס ער טוט א גאנצע וואך - אים נישט ברענגען צו קיין שום דביקות צום אויבערשטן.

און אט אזוי שרייבט דער הייליגער בית אהרן: "**אִיתָא בַּגְּמָרָא 'הַכֹּל מוֹדִים שֶׁבְּשַׁבָּת נִתְּנָה תּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל', הַיְנוּ בְּכָל שַׁבָּת נוֹתֵן הקב"ה הַתּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל. וְלֹא בְּשַׁבָּת בִּלְבָד אֶלָּא בְּכָל יוֹם, וְהָרְאָיָה שֶׁאָנוּ מְבָרְכִין בְּכָל יוֹם 'נוֹתֵן הַתּוֹרָה' וְלֹא 'נָתַן', רַק שֶׁנּוֹתֵן הַתּוֹרָה בְּכָל יוֹם**". דער 'בית אהרן' לערנט אפ די גמרא, אז יעדן שבת ווערט נאכאמאל איבערגעשפילט א 'מתן תורה'. אבער נאכדעם לייגט ער צו: נישט בלויז שבת, נאר אויך יעדן טאג! דא ווערט מען שוין צומישט: איז דא עפעס א 'מתן תורה' אום שבת - מער ווי א גאנצע וואך, אדער נישט?! עפעס ליגט דאך פארט אין די ווערטער 'הכל מודים שבשבת ניתנה תורה'?

קומט דער 'בית אהרן' און קלארט קודם אויס וואס עס מיינט דער מושג 'קבלת התורה': "**וּבֶאֱמֶת עִקָּר נְתִינַת הַתּוֹרָה הִיא מַה שֶּׁאָנוּ מְקַבְּלִין עָלֵינוּ בְּכָל יוֹם קְדֻשָּׁתוֹ שֶׁל הקב"ה וְאוֹרוֹ וְחִיּוּתוֹ שֶׁל הקב"ה, וְאָנוּ עוֹשִׂים בְּכָל יוֹם מִצְוֹת שֶׁל הקב"ה, זֶה קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּכָל יוֹם מֵחָדָשׁ. וְהַהֲכָנָה לָזֶה הוּא יוֹם הַשַּׁבָּת, כִּי אִם לֹא הָיָה לָהֶם יוֹם הַשַּׁבָּת לֹא הָיָה קִיּוּם לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה**". דער מושג 'קבלת התורה' מיינט, 'דביקות' צום אויבערשטן! און דער כח אז א מענטש זאל טאקע קענען האבן דביקות אינעם אויבערשטן, אט דאס נעמט מען פון שבת.

וואס איז אזוי געוואלדיג מיט דעם 'שבת קודש' - אז דאס גיבט אריין די גאנצע 'דביקות', וואס דאס איז 'קבלת התורה', און אן דעם זענען אלע מצוות פון א גאנצע וואך גארנישט ווערד? איז דער בית אהרן מסביר: "**וְזֶהוּ כְּלָל גָּדוֹל: 'שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲשֶׂה מְלַאכְתֶּךָ' - שֶׁמְּחֻיָּבִים אָנוּ לְקַבֵּל הַתּוֹרָה בְּכָל יוֹם וּלְקַבֵּל וּלְקַיֵּם מִצְוַת השי"ת בִּקְדֻשָּׁה וְטַהֲרָה וְחִיּוּת הקב"ה, שֶׁזֶּהוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וּמְחֻיָּבִים אֲנַחְנוּ לַעֲשׂוֹת מְלָאכָה בְּשֵׁשֶׁת הַיָּמִים, הַיְנוּ כְּפִי דְּאִיתָא בְּמִדְרָשׁ 'וַיַּנִּחֵהוּ בְּגַן עֵדֶן לְעָבְדָהּ' - זֶה מִצְוַת עֲשֵׂה, וּלְשָׁמְרָהּ - זֶה מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, וּבְשַׁבָּת שֶׁאֵין בּוֹ בֵּרוּרִים כְּתִיב 'וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תִּשְׁבֹּת', שֶׁאֵין בּוֹ שׁוּם מְלָאכָה רַק לְיַחֵד עַצְמוֹ לְהַשי"ת וְלִשְׂמֹחַ בִּקְדֻשַּׁת הַשַּׁבָּת מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא יוֹם שַׁבָּת מְנוּחָה, וְזֶהוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וד"ל**".

אין אנדערע ווערטער: שבת קודש איז נישט קיין צייט פון 'ערלעדיגן' און זיך 'אנשטרענגען' פארן אויבערשטן! עס איז נישט קיין ארבעטס טאג - אויך נישט ברוחניות! שבת איז א זמן פון 'לעבן מיטן אויבערשטן'! שבת איז א צייט פון 'זיך פרייען מיטן אויבערשטן'! און דוקא די שעות פון 'יחוד' און 'שמחה' מיטן אויבערשטן - וואס מען לעבט אום שבת, אט דאס גיבט אריין אין דער 'ערלעדיגן' און זיך 'אנשטרענגען' - פון א גאנצע וואך, אז דאס זאל אויך זיין מיט א 'דביקות'! אז יעדן טאג זאל זיין א קבלת התורה! אז יעדע מצוה זאל זיין נאך א וועג וויאזוי מען באקומט א ליכטיגקייט און א חיות פונעם אויבערשטן.

## מען אנטוויקלט קשר אויף א גאנצע וואך

כדי צו קענען לעבן מיט דעם 'בית אהרן' טאפעדיג, וועלן מיר צוריקגיין

המשך אין עמוד ב

# א געשמאקע עול

## איז מעגליך פאר א פשוט'ער מענטש ווי איך, צו לעבן א גאנצע טאג מיט אן 'עול'? • און וואס איז די ריכטיגע הגדרה פון די מושג 'קבלת עול'?

**משפיע:** אברהם יצחק, וואס הערט זיך? וויאזוי גרייטסטו זיך צו שבת קבלת התורה?

**אברהם יצחק:** גאנץ פיין... עה, מיר האבן נאך א חוב פון פאריגער וואך...

**משפיע:** אוודאי! כ'האב דיר דעמאלטס געבעטן אריינצוטראכטן וויאזוי טייטשט זיך 'קבלת עול' אויס ביי דיר. מיר האבן גערעדט פון 'שמירת עינים', און ס'איז אויפגעשווימען די שוועריקייט פון גיין אין גאס מיט א הרגשה פון אן 'עול'. ווילאנג מ'ווילט אין ישיבה האט מען א געוויסע געפיל פון 'מנוחה', מיטאמאל ווען מ'גייט ארויס אין גאס באפאלט א געפיל פון 'כבידות', אן עול און מ'שפירט זיך באגרעניצט. מיר האבן גערעדט אז ס'איז שווער פאר א מענטש פלוצלונג אריינצוגיין אין א מצב פון שמירת עינים, ווען משך דעם טאג דרייט ער זיך אן קיין געפיל פון עול.

> **ער קען נישט טון און רעדן וואס ער וויל? ער דרייט זיך ארום מיט אזא שווערע אחריות? נאכאלץ שפירן מירביידע אז ער שעפט גרויס הנאה דערפון!**

**אברהם יצחק:** אויף דעם האט דער משפיע געזאגט, אז מ'דארף זיין איינגעוואוינען צו לעבן מיט אן עול אויך אין ישיבה, דערפאר האט דער משפיע געוואלט אז כ'זאל איבערטראכטן די נושא במשך די וואך.

**משפיע:** און, האסט עס איבערגעטראכט?

**אברהם יצחק:** כ'וועל זאגן דעם אמת, כ'האב אפאר מאל פרובירט אריינצוטראכטן, אבער כ'ווייס נישט פונקט וואס צו טראכטן... איך כאפ נישט די באדייט פון 'לעבן מיט אן עול'.

## איז עס מציאות'דיג?

**משפיע:** אויב אזוי, לאמיר זיך אויסקלארן. די צורה פון א אידישע לעבן איז מיט א געפיל פון 'קבלת עול'. דאס באדייט: דו געהערסט צו איינעם, ביסט נישט פריי פאר זיך, ביסט נישט באלעבאס אויף זיך צו טון וואס ס'שמעקט דיר. בכלל געהערט נישט די וועלט צו דיר, דרייסט זיך אין א צווייטנ'ס רשות, באנוצט זיך מיט יענעמ'ס כוחות, און דו האסט עס באקומען פאר א סיבה. דעריבער דארפן דיינע מעשים שטימען מיטן רצון פועם בעל הבית.

**אברהם יצחק:** מיר האבן שוין אמאל גערעדט פון 'קבלת עול', אבער וואס האט עס מיט 'שמירת עינים'?

**משפיע:** זייער פשוט, ווייל ווען א מענטש דרייט זיך א גאנצן טאג אן קיין געפיל פון עול, נאר ווי גלייך ער איז פריי און נישט פאראנטווארטליך אויף גארנישט, שפירט ער זייער שווער ווען פלוצלונג באפאלט אים אן עול און 'פרעשור' ווען ער גייט ארויס אין גאס. דעריבער, אויסער די עצם חיוב און וויכטיגקייט צו מקבל זיין 'עול מלכות שמים' אויף זיך, איז עס קריטיש כדי צו מצליח זיין אין בייקומען נסיונות, איבערהויפט ביים ארויסגיין אין גאס וואס איז א מקום נסיונות.

**אברהם יצחק:** וויאזוי קען מען לעבן מיט אן עול? ס'איז בכלל מציאות'דיג אז א מענטש ווי מיר, אין מיין דרגה, זאל זיך ארומצודרייען א גאנצן טאג מיט אן עול אויף מיינע פלייצעס?

**משפיע:** פון דיין פראגע זעה איך וואספארא בילד דו מאלסט זיך אויס אין קאפ. דו שטעלסט זיך פאר ווי פאר דיר גייט א מענטש מיט א איינגעבויגענעם רוקן, א פארקנייטשטן שטערן, כאילו ער טראגט א שווערע, אומדערטערעגליכע לאסט... און דאן פרעגסטו, און מיט רעכט: בין איך מסוגל צו שלעפן אזא שווערע משא? אבער דער 'עול' פון וואס איך רעד איז בכלל נישט קיין 'שווערע לאסט', ווער ס'האט נאר זוכה געווען צו טראגן 'קבלת עול מלכות שמים' אויף זיך, דרייט זיך שטענדיג ארום מלא שמחה און גליק, זיין לעבן איז אים זיס און אנגענעם. ווייל 'עול' מיינט א קלארע ידיעה און געפיל צו וועמען די וועלט געהערט, און אן אמת'ע הכרה אז איך געהער צו אים.

**אברהם יצחק:** איך הער דא נייע זאכן. לכאורה מיינט 'עול' ווי כ'האב עס אייביג פארשטאנען: א התחייבות וואס דער מענטש מוז מסדר זיין. פונקט ווי מ'ווייזט אן אויף א מענטש אז די 'עול פון הויז' ליגט אויף אים, וואס מיינט דאס? אז ער איז באאויפטראגט איינצוארדענען דאס הויז, אויסראמען, איינקויפן, קאכן - בקיצור, ער האט אן עול, וואס איז א געוויסע 'לחץ' אז אלץ דארף געטון ווערן ווי ס'דארף, און ווילאנג ס'איז נישט מסודר קען ער נישט איינרוען. אין אזא פאל איז פשוט אז ער וויל שוין זען די זאך מסודר, ער וויל שוין האלטן דערנאך...

**משפיע:** געוואלדיג די הבנה וויל איך אפווענדן, און א גרויסן יישר כח פארן עס אזוי פונקטליך אויס'משל'ען, ווייל אזוי קען איך עס קלאר אפווארפן דורכ'ן גוט מסביר זיין פארוואס ס'איז אזוי אומריכטיג!

איז אזוי. 'עול' מיינט א קלארע אנערקענונג ווער דו ביסט און צו וועמען דו געהערסט. כ'וועל דיר געבן א משל דערויף.

שטעל זיך פאר ווי מ'נעמט אויף א סעקרעטאר ביי א פרעזידענט, ער זעצט זיך אריין אין אפיס, וואו ער דארף אויפנעמען יעדער וואס ווענדט זיך צום פרעזידענט און זיי ברענגען דעם פרעזידענט'ס אנטווארט אויף די באטרעפנדע נושא. ווען ער הייבט אויף דעם טעלעפאון, טוט ער אייגנטליך ענטפערן אין נאמען פונעם פרעזידענט, יעדעס ווארט וואס קומט אים ארויס פון מויל טראגט א געוויכט ווי דעם פרעזידענט אליינס.

קענסט זיך פארשטעלן אז ווען דער סעקרעטאר זיצט דארט אין אפיס, זיצט ער נישט די זעלבע ווי ער זיצט זיך ביי זיך אינדערהיים און ער שארט נישט ארויס פון מויל וואס ס'קומט אים אויף, ווייל יעצט געפונט ער זיך נישט ביי זיך אינדערהיים, זיינע ווערטער זענען נישט זיינע אייגענע ווערטער, ער רעדט בשם דעם פרעזידענט! אויטאמאטיש באגייט ער זיך מיט גרויס אחריות, ער ווייסט אז ער פארטרעט אזא וויכטיגע פערזענליכקייט, און זיין הנהגה דארף זיין ווי ס'פאסט ביים פרעזידענט.

יעצט לאמיר דיר פרעגן: וואס קוקט דיר אויס, דער סעקרעטאר האט הנאה דערפון, אדער זיצט ער איינגעלייגט און נידערגעשלאגן?

**אברהם יצחק:** זיכער האט ער הנאה, ס'איז דאך א גרויסע כבוד צו דינען אויף אזא פאזיציע...

## א זיסע אחריות

**משפיע:** אבער ער קען נישט טון און רעדן וואס ער וויל? ער דרייט זיך ארום מיט אזא שווערע אחריות? נאכאלץ שפירן מיר ביידע אז ער שעפט גרויס הנאה דערפון! ווייל

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

צום משל מיט וואס מיר האבן אנגעהויבן. א מענטש קען טון און טון פארן צווייטן אן א שיעור, און פון אויבנאויף קען מען מיינען, אז דא הערשט דער גרעסטער קשר וואס עס איז נאר שייך, אבער אינ'אמת'ן שטעלט זיך ארויס, אז אויב איז נישטא קיין צייט ווען מען באלעבט דעם 'קשר אליין' - אן טון און ערלעדיגן - וועט דער 'טון' נישט ברענגען קיין שום קשר.

**אינעם נמשל:** א מענטש קען א גאנצן וואך מקיים זיין תורה ומצוות, ער לערנט און דאוונט, ער טוט און מאכט, אבער עס איז נישטא קיין מצב פון 'קבלת התורה'! זיינע מצוות ווערן געטון אן קיין 'דביקות'! זיין תורה האט נישט אין זיך קיין אור ה' און קיין רוחניות'דיגע חיות! וואס איז די עצה? זאגט דער הייליגער 'בית אהרן': נעם דעם שבת קודש, און לעב מיטן אויבערשטן מיט א נאנטקייט און מיט א געשמאק - אן קיין שום עבודה! און דעמאלט וועט זיך אנטוויקלען דיין קשר ווי עס דארף צו זיין. און דערנאך, ווען עס וועלן אנקומען די וואכנדיגע 'ארבעטס טעג' - ווען מען טוט און מאכט פארן אויבערשטנ'ס וועגן, וועט דאס אויך ברענגען צו 'קשר' און 'דביקות', און דו וועסט קענען שפירן דורך זיי א העכערע ליכטיגקייט און חיות.

**קומט אויס:** שבת קודש איז גאר גאר א וויכטיגע זאך אין דער גאנצער אידישקייט. אויב א מענטש האט נישט געשפירט דעם 'יחוד' און פריילילכקייט מיטן אויבערשטן - פון שבת קודש, וועט זיין גאנצע אידישקייט זיין אויסגעלאשן! עס וועט נישט טראגן אין זיך קיין חיות און אור. און פארקערט, אויב א איד זיצט זיך ביי זיין שבת טיש און ער פארברענגט מיטן אויבערשטן; ווי דער לשון הפסוק "אז תתענג על ה'", ער צוכליפעט זיך ביי א 'נשמת' פון גרויס געפיל פון נאנטקייט צום אויבערשטן, ער זינגט זיך ניגונים פון אהבת ה', עונג בה', שמחה בה', ער טאנצט און פריידט זיך מיטן אויבערשטן - דעמאלט פראוועט ער א גרויסן 'קבלת התורה' אויך פאר די וואכנדיגע טעג. און ווען די וואנכנדיגע טאג וועלן אנקומען, און ער וועט זיין פארנומען מיט שווערע 'עבודות' וואס ער טוט פארן אויבערשטן - וועט עס זיין פול מיט א געפיל פון קשר און נאנטקייט צום אויבערשטן.

מיר פארשטייען אז דער שורש פון אלעס איז, אז אין דעם פלאץ איז ער נישט קיין פרטית'דיגער מענטש, די אפיס געהערט נישט צו אים, און די גאנצע פאקט אז ער געפונט זיך דארט איז בלויז מיטן ציל צו פארטרעטן דעם פרעזידענט, און זען צו דעם אז דער פרעזידענט'ס אגענדע ווערט אויסגעפירט. ריכטיג, ער איז א מענטש מיט 'אחריות', ער איז א מענטש וואס ווייסט אז ער איז נישט באלעבאס אויף זיך, ער קען דא נישט רעדן אדער טון וואס ער וויל, אבער פארוואס? ווייל מיט זיינע מעשים און דיבורים טוט ער רעפרעזענטירן דעם פרעזידענט! ער טראגט אן אחריות אויף יעדן דיבור און פעולה וואס ער טוט! און דאס שאפט אן אומשאצבארע סיפוק!

**אברהם יצחק:** גראדע דא זעה איך נישט וואספארא גרויסע 'עול' ער טראגט. ס'איז טאקע אן 'אחריות', אבער מיר רעדן דא פון 'עול' מלכות שמים, לכאורה מיינט 'עול' עפעס מער פון דעם...

**משפיע:** טראכט א מינוט, פארוואס זעסטו נישט דא קיין עול? דער סעקרעטאר דארף אויספירן זיינע אלע אויפגאבעס אויפן בעסטן אופן! כ'מיין אז דאס איז גאנץ א שווערע עול, ניין? אנשטאט זעסטו דא ניטאמאל קיין עול, ווייל דו פארשטייסט אז ער שפירט א שטארקע געפיל פון אחריות, און דורכדעם איז ער אלץ מסדר. ער האט טאקע אן א שיעור פליכטן וואס נאר ער דארף טון, אבער אלץ קומט אלס תוצאה פון א געפיל פון אחריות.

אייגנטליך איז דאס דער עיקר 'עול', די אחריות וואס א מענטש האט אויף זיין אויפגאבע! דאס איז די אמת'ע משמעות פון 'עול', פארקערט פון 'פריקת עול' וואס מיינט לייכטזיניגקייט, נישט טראגן קיין אחריות אויף וואס מ'טוט און זיך פירן מיטן אינסטינקטיווע געפיל.

'קבלת עול' איז פארקערט דערפון, ס'מיינט לעבן אונטער די מרות פון א צווייטן, דאס הייסט 'אחריות'. א מענטש וואס טראגט אזא אחריות דארף טאקע אויספירן פארשידענע פליכטן, אבער דאס איז בלויז אלס תוצאה פון די אחריות וואס ליגט אויף אים, און אט די אחריות איז בעיקר א זכות און א חשיבות, וואס געבט פארן מענטש גרויס פארגעניגן אז ער האט זוכה געווען צו אזא געהויבענע אחריות, און אז דורך זיינע מעשים און דיבורים איז ער זוכה צו פארטרעטן דעם מלך.

כ'וועל דיר איבערזאגן א רש"י אין ברכות (ל:) וואס ברענגט ארויס די נקודה. אמאל איז רבה געווען 'בדח טובא', און אביי האט אים אנגעפרעגט דערוועגן. רש"י איז מסביר ווייל ס'האט אויסגעקוקט ווי 'פריקת עול', אויף וואס רבה האט געענטפערט 'תפילין מנחנא', כ'האב היינט געלייגט תפילין. זאגט רש"י 'והם עדות שממשלת קוני ומשרתו עלי', דאס איז גענוי פארקערט פון פריקת עול, ווען מ'ווייסט און מ'שפירט 'שממשלת קוני עלי'. און דאס מיינט 'אחריות', כ'האב א האר העכער מיר. מיט דעם געפיל דארף זיך א מענטש ארומדרייען א גאנצע טאג, און ס'איז זייער א זיסע געפיל!

# א שליח פון מלך מלכי המלכים

**אברהם יצחק:** איך פארשטיי די משל, אבער לענינינו, וואספארא אחריות ליגט אויף מיר? בכלל, מיר האבן אנגעהויבן מיט 'שמירת עינים' און ערגעצוואו איז מען אריבער צו עול און אחריות, וויאזוי העלפט מיר עס אין שמירת עינים? וואס דארף איך טון צו שפירן דעם אחריות?

**משפיע:** פרעגסט גוט, אבער אויב וועסטו אריינטראכטן, וועסטו זען אז מיר טראגן פונקט זעם זעלבן תפקיד פון יענעם סעקרעטאר. די חילוק איז נאר אז ער קומט אריין אין אפיס פאר בלויז געציילטע שעה א טאג, ווען ביי די איבריגע שעות אין טאג טוט ער אויס זיין חשוב'ן אנצוג און ווערט גלייך צו יעדן געוועהנליכן מענטש. ווידעראום אונזער פליכט איז א לעבנס מיסיע וואס באגלייט אונז לאורך ימים ושנים, ס'איז איין לאנגע מעשה פון אריינברענגען דבר המלך אין דעם וועלט, און אלס פארטרעטער פון השי"ת, האבן מיר א וואונדערליכע אויפגאבע צו מקדש זיין שם שמים מיט יעדן מעשה און דיבור.

מיר דארפן שטענדיג איבער'חזר'ן וואס צדיקים האבן געזאגט: מיט יעדע תנועה וואס מיר טוען, שאקלען מיר אלע עולמות, צו גוטס אדער פארקערט. ס'איז א מימרא פון הייליגן בעש"ט זי"ע און ס'ווערט ברייט געברענגט אין ספרי תלמידיו הק'. וויאזוי האבן מיר אזא גרויסע כח? ווייל מיר זענען נישט קיין געוועהנליכע מענטשן, נאר מיר זענען דא בשליחות פון השי"ת, מיר זענען אהערגעקומען כדי צו מגלה זיין רצונו ית'.

די הרגשה און ידיעה פון אחריות איז אן א שיעור זיס, און ס'איז אויך שטארק מחייב! און דאס הייסט 'עול מלכות שמים', אט די געפיל איז אונז מחייב אין יעדן שעה אין טאג, אין ישיבה, אין גאס צי אינדערהיים. אויף אזא אופן, ווען מ'דארף גיין אין גאס 'באפאלט נישט פלוצלונג א שווערע לאסט פון שמירת עינים', ווייל דער מענטש האט זיך איינגעוואוינט במשך דעם טאג אז ער איז נישט 'פריי', נאר ער גייט א גאנצע טאג מיט 'ממשלת קוני עלי'.

**אברהם יצחק:** דאס איז וואס דער רמ"א שרייבט אנהייב שולחן ערוך, אז א מענטש דארף זיך פירן אומעטום ווי אין א בית המלך?

**משפיע:** פונקט אזוי. יעצט פארשטייט מען וואספארא זכות און כבוד ס'איז פאר א מענטש וואס איז זוכה זיך צו געפינען א גאנצע טאג אין בית המלך, און ס'איז נישט קיין סתירה מיט די הרגשה פון אחריות און עול וואס מ'האט דערפון, זייענדיג אחראי אויף יעדן תנועה און דיבור.

**אברהם יצחק:** מורא'דיג, מיט יעדן שמועס ברענגט דער משפיע אריין א פרישע חיות אין יעדע נקודה פון עבודה. א גרויסן יישר כח.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

## 'ואבדתם מהרה' מ'דארף פארלירן דעם איילעניש (מהירות), נאר זיין שטענדיג מיט א ישוב הדעת

מרן הבעש"ט הק' זי"ע ('צרור החיים' להרה"ק מקאמארנא זי"ע, דף י.)

# דער לעצטער פאר השי"ת צו שפייזן

אויב ווילט איר ריכטיג פארשטיין וואס 'עניות' באדייט, דאן איז א באזוך ביי רבי בערל אינדערהיים אייער ענטפער.

עניות אין פולן זין פוןווארט. נישטא קיין געלט, נישטא קיין ברויט, נישטא קיין קליידער, העלצער פאר הייצונג, גארנישט. נאר חרפות און בושות, אומאויפהערליכע הונגער און קעלט.

'רבי בערל בטלן'. אזוי טוען אים אלע איינוואוינער פון ראדאשיץ באטיטלען, און מיט רעכט. ווייל צו גשמיות האט רבי בערל קנאפ פארשטאנען. צו רוחניות? דא איז שוין רבי בערל געווען א חכם מחוכם, דורכגעטריבן און געניט.

טאקע דורכ'ן נסיון העוני, איז רבי בערל אויפגעשטיגן אזוי הויעך, ווי ער איז שפעטער באקאנט געווארן אלס דער 'סבא קדישא פון ראדאשיץ'.

"פארוואס פארסטו נישט צו טעמערל?", ווענדט זיך ר' בערל'ס פרוי צו אים, ביי איין שניי-באדעקטע, הונגעריגע נאכט.

"אלע גוטע אידן אינעם גאנצן אומגעגנט ציען ברייטע חיונה פון די רייכע אלמנה, צי פון א הלוואה אדער א נתינה. פאר אויך אהין!".

"דארפסט נאר דינגען א פערד און וואגן, מאך אן אפשטעל ביי דיינע הייליגע רבי'ס וואס וועלן דיר זיכער שרייבן ווארעמע המלצות, און פאר דערמיט צום שטאט וואו טעמערל וואוינט. אזוי וועט זי אונז ענדליך ארויסציען פון אונזער שרעקליכע ארעמקייט", טענה'ט זיין פרוי מיט א שטראל פון האפענונג.

רבי בערל צווייפלט צו זיך: "זי איז דאך גערעכט, זי ליידט נעבעך חרפת רעב, און זי האלט דאך נישט מיט, מיט די הויכע מדריגות וואס דער אויבערשטער האט מיר געשאנקען".

ער טראכט אהין און אהער. פארט האט אויך השתדלות א שטיקל ענין, נו "איך גיי איין דערויף! בשם ה' נעשה ונצליח, ביטע באשטעלן דעם בעל עגלה אויף מארגן גלייך נאכן דאווענען".

צומארגנס. רבי בערל שטייט אויף פרי צום דאווענען, אבער פארשטייט זיך, מ'קען זיך נישט שטעלן דאווענען פארן מלך מלכי המלכים אן אנגרייטן דאס הארץ און מח בעפאר. ער מאכט א פלאמעדיגע הכנה מיט עטליכע שעות פון לימוד התורה, נאר דערנאך שטעלט ער זיך דאווענען.

נאר ס'איז דא איין פראבלעם. ווייל ווי נאר רבי בערל בטלן שטעלט זיך דאווענען, באנעמט אים א פולשטענדיגע התפשטות הגשמיות. זיין געהויבענע נשמה ווערט אלץ מער דערהויבן, ער הייבט זיך צו א וועלט וואו אלע גשמיות'דיגע עניינים טראגן נישט די מינדעסטע ווערד, א וועלט פון אור און תענוג אלוקי, א וועלט וואו דער זייגער הערט אויף קלאפן, אזוי אז רבי בערל'ס פאר'דביקות'טע דאווענען האט זיך געצויגן ביז נאכמיטאג.

רבי בערל טוט אויס די תפילין, און קערט זיך אהיים.

זיין ענטוישטע פרוי ווארט אים אפ ביים שוועל. זי שטייט שוין דארט פאר אפאר שעה, וואו זי האט געהאט באשטעלט דעם בעל עגלה, און אים שוין אויך פארשיקט.

"וואס וועט זיין, בערל?", קלאפט זי אירע הענט פון אנגסט, "אזוי לאנג נעמט דיר צו דאווענען?".

רבי בערל איילט זיך איר צו מפייס זיין, "היינט ביינאכט גיי איך זיך בכלל נישט לייגן, אזוי אז מארגן ווי נאר די זון שיינט אויף וועל איך זאפארט דאווענען, און כאפן א רייזע מיטן בעל עגלה צו טעמערל ווען ס'איז נאך פריי".

די רביצין בארואיגט זיך, זאל זיין מארגן.

רבי בערל זיצט א גאנצע נאכט און הארעוועט אין תורה הק'. געטריי צו זיין צוזאג, ביי נץ החמה הייבט ער זיך אויף און שטעלט זיך דאווענען, מיט זיינע הייליגע השגות.

אבער ווי נאר ער דערגרייכט יענעם עולם, דארט וואו 'זמן' פארנעמט נישט קיין פלאץ, מאכט שוין נישט אויס ווען מ'האט אנגעהויבן דאווענען. ווידעראמאל איז זיך רבי בערל מתדבק אין זיין עבודה, דאסמאל ביז די נאכט פאלט, נאך א לאנגע הכנה...

ס'איז שוין טונקל, און רבי בערל קערט זיך אהיים.

פונדערוויטנס דערקענט ער זיין אנטריסטעטע ווייב. זי גיסט אויס איר פארביטערטע הארץ, רבי בערל הערט איר אויס ביזן סוף, ווען ער לייגט איר פאר א פשוט'ע חשבון: "דו האסט מיר אליינס געזאגט, אז אלע גוטע אידן שפייזן זיך פון טעמערל, ניין? אויב אזוי, קומט אויס אז ס'איז נישט פארבליבן פארן אויבערשטן ווער צו שפייזן, אויסער איך און דו, גערעכט?". די רביצין שאקלט צו מיט פארשטאנד.

"אויב אזוי, פארוואס זאלן מיר זיך נישט פארלאזן אויפן אויבערשטן אליינס, אז אויך דא וועט ער אונז שפייזן...?".

מקור: 'דברות חיים' להס"ק מראדאשיץ זי"ע

# אהבת ישראל

## פארוואס פארנעמט 'אהבת ישראל' אזא וויכטיגע ארט אין עיקרי היהדות? און אייגנטליך, וואס מיינט א איד?

### שאלה:

פארוואס האט מען געמאכט ביי חסידים אזא עסק פון 'אהבת ישראל', ממש ווי אן 'עיקר התורה'? לכאורה איז עס זאך נאר איינס פון די תרי"ג מצוות, פארוואס האט מען עס געשטעלט אלס א יסוד אויף וואס אנדערע חלקי עבודה זענען אנגעוואנדן? אין אנדערע ווערטער: וואס האט דרך החסידות איינגעזען אין אהבת ישראל, צו עס שטעלן אלס א שורש'דיגע מצוה?

### תשובה:

ווען מ'רעדט וועגן דעם חוב און זכות צו ליב האבן אידישע קינדער, וואס איז אייגנטליך טאקע פון די גופי תורה אויף וואס אלץ איז אנגעהאנגען, דארף מען צוערשט פארשטיין **וואס א 'איד' מיינט**, ווייל ווען מ'ווייסט די באדייט דערפון, פארשטייט מען שוין גוט פארוואס אהבת ישראל איז אזא ברענענדיגע נקודה. דער אמת איז, אז ס'איז פון די עיקר נקודות וואס מרנא דער הייליגער בעש"ט זי"ע האט מגלה געווען, איינגע'חזר'ט און פארשפרייט: **ווער איז א איד, וואס איז א איד.**

לאמיר פרובירן אנצורירן די סוגיא פון 'קדושת ישראל' אויפן שפיץ גאפל, און אזוי ארום דעגרייכן צו די קלארע מסקנא אז ליב האבן יעדן איד און זיך אוועקגעבן פאר זיינעט וועגן מיטן גאנצן הארץ און נשמה איז ממש אן עיקר יסוד ושורש, און פארשטייט זיך וועלן מיר אויך אנרירן די דרכי עבודה למעשה, בעז"ה.

## א איד איז דבוק בה' דורך זיין עצם עקזיסטענץ

קודם כל, דאס איז פשוט אז אידן און נאר אידן זענען זוכה זיך צו מתדבק זיין צום אויבערשטן. חסיד'ישע ספרים זענען מגלה די פנימיות פון יעדן זאך, און די פנימיות פון די גאנצע תורה און מצוות איז אז מיר זאלן זיך מדבק זיין צום אויבערשטן דערמיט. די תורה איז אור ה', די מצוות זענען אור ה', און ווען א איד קלערט אריין אין א סברא אין גמרא אדער לייגט ארויף תפילין אויף זיין קאפ, טוט ער זיך מדבק זיין צום אויבערשטן דערמיט אויף א מורא'דיגע אופן. אויב אזוי ווייסן מיר שוין עפעס איבער די קדושה פון א איד: ער איז דבוק צום אויבערשטן! און וואס איז דען א גרעסערע קדושה ווי דעם?!

אבער די חסיד'ישע ספרים דערציילן אז ס'גייט אסאך טיפער ווי דעם. ווייל אהבת ישראל איז נישט נאר צום תלמיד חכם אדער מדקדק במצוות, וואס זענען געוויס זוכה זיך צו מתדבק צום אויבערשטן דורך זייער תורה ומצוות. 'אהבת ישראל' רעכנט אויך אריין דער אידישער פשוט שבפשוטים, און אפילו דער תינוק שנשבה וואס לעת עתה האט ער נאכנישט זוכה געווען צו האלטן תורה און מצוות. פון וואו נעמט זיך אזא אהבה?!

**אצינד קומען מיר אן צו א יסודות'דיגע נקודה וואס די חסיד'ישע צדיקים האבן גע'חזר'ט:** נישט נאר ווען מיר זענען מקיים תורה און מצוות זענען מיר דבוק צו השי"ת, נאר מיר זענען דבוק צום אויבערשטן מיט אונזער עצם עקזיסטענץ. א איד איז א 'חלק אלוק ממעל' כפשוטו, ער האט א עצמיות'דיגע קשר מיטן אויבערשטן, דער פסוק באטיטלט אים "בנים אתם לה' אלקיכם", חז"ל דריקן זיך אויס "בין כך ובין כך קרויים בנים". א קינד איז א טייל פון זיין פאטער, אויך ווען האט זיך דערווייטערט פון אים, רחמנא לצלן. דער פאקט אז ער איז זיין קינד ווערט נישט אפגעהאקט.

דאס איז די סיבה פארוואס צום ענדע וועט זיך יעדער איד צוריקקערן צו זיין טאטן אין הימל, וויבאלד זיין חלק אלוק ממעל קען אויף קיין פאל נישט פארלוירן ווערן, און דערפאר וועט ער ענדגילטיג תשובה טון, ווייל דאס וואס דער פסוק זאגט "כי לא ידח ממנו נידח" איז עס נישט נאר א הבטחה, נאר א פאקטישע מציאות! כאטש מאמענטאל קוקט עס נישט אויס אזוי, אבער ענדע וועט זיין "ושבו בנים לגבולם". ס'איז נישטא אזא היכי תמצא א איד זאל פארלוירן גיין ח"ו, ער איז דאך א געטליכע מציאות, און פונקט ווי דער אויבערשטער טוישט זיך קיינמאל "אני ה' לא שניתי", אזוי אויך קען זיך די פנימיות פון א איד קיינמאל נישט טוישן. איי די חיצוניות? דאס וועט ענדע ווערן אפגעשיילט.

**דאס איז די מורא'דיגע נקודה וואס מרן הבעש"ט הק' און זיינע תלמידים האבן דערלויכטן:** נישט נאר וואס א איד איז אן אנדערע און העכערע מציאות ווי די איבריגע בריאה - וואס אייגנטליך שטייט שוין אין ספר הכוזרי דערוועגן - נאר א איד איז א נשמה, א געטליכע מציאות! א איד איז צוזאמגעבונדן מיטן אויבערשטן. אט די ווערטער זענען אויסדריקליך א גרונדשטיין אין דרך החסידות: א איד = נשמה = חלק אלוק ממעל = א מציאות פון דביקות צום אויבערשטן.

לויט דעם קומט אויס אז א איד איז העכער פון א מלאך און שרף, טראץ וואס מיר האבן נישט קיין באגריף אין זייער קדושה. **ווייל לכאורה קוק נאר א פלא:** ס'איזי נישטא קיין שום פסוק וואס רעדט איבער אהבת ה' צו די מלאכים! קיין אויסדרוק פון קשר, קיין אויסדרוק פון חיבור. נאר כלפי כלל ישראל זענען פארהאן אומצאליגע פסוקי אהבה. וויאזוי קען זיין אז הייליגע, פארכטיגע מלאכים זענען נישט זוכה צו קיין אהבה, בשעת א פשוט'ער איד וואס זעט אויס וויאזוי ער זעט אויס, איז זוכה אז דער הייליגער באשעפער האט אים אזוי ליב זאגנדיג "אהבתי אתכם אמר ה'"?!

**דער ענטפער דערויף איז,** אז די מלאכים פארמאגן נישט קיין שום פערזענליכע קשר מיטן אויבערשטן. זיי זענען בלויז עבדים וואס באדינען דעם קעניג, זיי זענען טאקע אומבאגרייפליך נאנט צום אויבערשטן, אבער אפילו דער סאמע נענסטער באדינער צי מיניסטער ביים קעניג איז נישט אזוי באליבט און צוזאמגעבונדן צו אים ווי זיין קינד. נאר כלל ישראל, וואס זענען א חלק אלוק ממעל, זייענדיג מחובר צו השי"ת דורך זייער עצם מציאות - זענען זוכה צו אזעלכע אויסדרוקן פון ליבשאפט.

דאס טוט אינגאנצן איבערדרייען דאס בילד, אויך אנבאלאנגט די דביקות דורך תורה און מצוות. ווייל ווען א איד לערנט גמרא אדער וויקלט זיך איין מיטן טלית, איז עס נישט נאר א דביקות 'מלמעלה למטה', צוליב די ציצית וואס מיינט 'אור ה'' וואס נעמט אים ארום, נאר אויך 'מלמטה למעלה', ווייל אלס א חלק אלוק ממעל וואס איז דבוק צו השי"ת, טוט ער זיך מתדבק צו זיין שורש. קומט אויס אז ער איז אנגעהאנגען צום אויבערשטן פון ביידע זייטן. איז דען פארהאן א טיפערע דביקות און קשר ווי דעם, ווען אור ה' איז זיך מתייחד סיי ממעלה און סיי ממטה?! "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום".

לויט דעם, נאך פארן אריינגיין טיפער אין די סוגיא, איז אונז שוין היבש קלאר פארוואס אהבת ישראל ווערט פאררעכנט אלס אן עיקר התורה. ווייל פונקט ווי מצד אחד טוט זיך דביקות בה' אויסדריקן אין תורה און מצוות, אזוי אויך מצד שני טוט זיך די דביקות אויסדריקן אויפן זעלבן שטייגער און גאר נאך שטערקער דווקא דורך אידן! אויב אזוי, וויאזוי מען זיך נישט 'צוקאכן' איבער די קדושה פון א איד און אים ליב האבן?!

## נאר די תורה ומצוות פון א איד קען ברענגען א יחוד

**לאמיר גיין אביסל טיפער, וועלן מיר באקומען נאך א העכערע הבנה.**

ווען א גוי טוט אן תפילין אדער לערנט א רשב"א, געשעט גארנישט. קיין שום גילוי אלקות ווערט נשפע מלמעלה, קיין שום עולם רוחני ווערט אויפגעלויכטן, אייגנטליך איז נישטא קיין שום הארה אלוקית בתחתונים. ס'איז נישט אנדערש ווי מ'וואלט אוועקגעשטעלט תפילין אויפן טיש - זאגט דער בעל ה'תניא' - ס'ברענגט נישט קיין שום דביקות און הארה.

דאס איז טראצדעם וואס דער גוי לערנט תורה וואס איז כל כולו חכמתו ית', און 'הוא וחכמתו אחד', און טראצדעם וואס דער גוי איז מקיים מצוות וואס זענען רצונו ית', און 'והוא ורצונו אחד'. פונדעסטוועגן ווערט נישט נשפע קיין אור, ס'ברענגט נישט קיין שום דביקות צווישן אים מיטן אויבערשטן.

פארוואס? ווייל דער גוי איז נפרד פונעם אויבערשטן. ער איז נישט דבוק, און ס'איז אוממעגליך פאר א בריה וואס איז נפרד פון השי"ת צו זיין דבוק אין אים. דעריבער, אויך אויב ער וועט אנטון אור ה' אויף זיינע ארעמס, וועט ער זיך נישט באהעפטן צום אויבערשטן, ער וועט נישט ממשיך זיין קיין שום הארה. פשוט די צוויי קענען זיך נישט 'צוזאמקלעבן'. אויסשליסליך נאר א איד וואס זאגט "אשר קדשנו במצוותיו", וואס איז נתקדש געווארן בקדושה אלוקית - ער איז שייך צום אויבערשטנ'ס מצוות.

**אין אנדערע ווערטער:** תורה און מצוות זענען מייחד קודשא בריך הוא ושכינתיה. אור התורה והמצוות זענען מושרש אין 'קודשא בריך הוא' (דעם אור ה' וואס איז העכער פון בריאה), און אידן זענען מושרש אין 'שכינתיה' (אור ה' וואס רוהט אין די בריאה). **מ'קען נישט מאכן קיין 'יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה' נאר דורך תורה אליין, בלויז ווען ס'ווערט געטון דורך א איד.**

דאס הייסט אז אויב די גאנצע תכלית הבריאה איז צו מאכן א דירה בתחתונים פארן אויבערשטן, אז אורו ית' זאל רוען אויך דא אין די בריאה, קען אט די דירה בלויז געטון ווערן דורך אידן. און נישט נאר ווייל זיי זענען מקיים תורה און מצוות, נאר ווייל בלויז זיי האבן די מעגליכקייט צו מקיים זיין תורה ומצוות, און נאר זיי זענען ביכולת צו ממשיך זיין שכינתו ית' בתחתונים.

אויף דעם זאגן מיר "אתה אחד" - השי"ת, "ושמך אחד" - די תורה וואס איז כולו 'שמותיו של הקב"ה', "ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ" - כלל ישראל וואס זענען א געטליכע מציאות, און דווקא דורך די דריי ווערט נתייחד אור ה'. דאס זענען די דריי קצוות פון 'אורייתא, קוב"ה וישראל חד".

**דערביי קומען מיר צו צו די זעלבע נקודה, נעמליך: קדושת ישראל און אהבת ישראל זענען נישט 'נאך איינס' פון צווישן מערערע מצוות, נאר ס'רירט אן די שורש התורה, אן דעם איז נישטא קיין תורה און מצוות!**

חלק מהוצאות הגליון
נתנדב ע"י הרה"ח רבי **יעקב יהושע פיש** שליט"א
לרגל שמחתו בהולדת בתו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת דקדושה

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י

ההפצה בעי"ת וויליאמסבורג
נתנדב ע"י ידידנו הנכבד
הרה"ח **הרוצה בעילום שמו** שליט"א
לזיכוי הרבים לרגל ימי השובבי"ם


אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט דער גבאי: 347.452.3118
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483